**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול הויבט אן באמיאונגען צו העלפן ניו יארקע סטודענטן צוקומען צו פינאנציעלע הילף

***גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג דעם חודש אפריל אלס 'פינאנציעלע הילף אויפמערקזאמקייט חודש' צו ארויסהייבן פינאנציעלע הילף געלעגנהייטן פאר ניו יארקע סטודענטן און די וויכטיגקייט פון אויספילן FAFSA אפליקאציע***

***אנאנסירט אז Petrie Foundation האט געשאנקען פאר CUNY 1 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן נייע CUNY פינאנציעלע הילף שטיצע מאנשאפט צו העלפן 100,000 ניו יארק סיטי סטודענטן צוקומען צו הילף וואס איז דא צו באקומען***

***הויבט אן 2024 ניו יארק סטעיט STEM אנרייץ פראגראם צו שטיצן SUNY אדער CUNY סטודענטן וואס לערנען פאר א STEM דעגרי; אפליקאציע עפנט זיך אפריל 3***

***איניציאטיוון פאלגן נאך גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אנאנס צו זיכער מאכן אז אלע פילן אויס די FAFSA אין ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) דעקלערנדיג אפריל 2024 אלס 'פינאנציעלע הילף אויפמערקזאמקייט חודש' אין ניו יארק סטעיט צו העלפן אינפארמירן סטודענטן און פאמיליעס איבער די וויכטיגקייט פונעם אויספילן די [אומזיסטע אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף (Free Application for Federal Student Aid, FAFSA)](#) און איבער די פילע פינאנציעלע הילף אפציעס וואס זענען דא פאר זיי. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז די Petrie Foundation האט געשאנקען פאר די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) 1 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן CUNY פינאנציעלע הילף שטיצע מאנשאפט (Financial Aid Support Team, FAST) צו העלפן 100,000 סטודענטן אויספילן די FAFSA. דער פראגראם וועט לויפן ביז די ענדע פון סעפטעמבער 2024. אין צוגאב עפנט גאווערנער האקול די 2024 ניו יארק STEM אנרייץ פראגראם (STEM Incentive Program) אום אפריל 3, וואס וועט אפפערן שכר לימוד גרענטס פאר ניו יארק סטעיט סטודענטן ביי קאמפוסן פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) אדער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק וואס לערנען פאר א דעגרי אין א [באשטעטיגטע](#) וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינדזשענירונג און מאטעמאטיק (Science, Technology, Engineering, and Mathematics, STEM) שטודיע פעלד. אפליקאנטן מוזן אויך מסכים זיין צו וואוינען און ארבעטן אין ניו יארק סטעיט פאר פינף יאר נאכן גראדואירן.

"פאר ניו יארקער וואס ווילן ארבעטן צו באקומען א העכערע בילדונג, איז פינאנציעלע הילף א קריטישע כלי וואס קען העלפן פארוואנדלען זייערע טרוימען צו ווערן א מציאות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו אפט פארפעהלן סטודענטן און פאמיליעס צו אויסנוצן די פולע פארנעם פון פינאנציעלע

הילף געלעגנהייטן וואס זענען דא פאר זיי, פירנדיג דערצו אז פילע באקומען נישט די קריטישע שטיצע. מיר פילן אן די לאך אין אינפארמאציע און גיבן פאר סטודענטן די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צו אויספילן זייער FAFSA אפליקאציע און עפענען פינאנציעלע הילף געלעגנהייטן וואס קענען שטיצן זייער רייזע צו א העכערע בילדונג."

צו עפענען דעם פינאנציעלע הילף אויפמערקזאמקייט חודש, טוט גאווערנער האקול אנאנסירן עטליכע איניציאטיוון אין ניו יארק סטעיט צו העלפן סטודענטן וואס לערנען פאר א העכערע בילדונג דעגרי. די גאווערנער'ס באמיאונגען רעכענען אריין:

- מוטיגן ניו יארק סטעיט היי סקול קינדער אין די לעצטע יאר צו אויספילן זייער FAFSA אפליקאציע און פולשטענדיג אויסנוצן די פינאנציעלע הילף פראגראמען דורכן שיקן בריוון צו סטודענטן אריבער די סטעיט ארויסהייבנדיג די הילפס-מיטלען וואס זענען דא צו באקומען פאר זיי.
- אנאנסירן אז די Petrie Foundation האט געשאנקען פאר CUNY 1 מיליאן דאלאר צו אויפשטעלן FAST, א נייער FAFSA אויספילן פראגראם בשותפות מיט ניו יארק סיטי פובליק סקולס און אנדערע אינסטיטוציאנאלע שותפים צו ציהלן 100,000 וואקלדיגע סטודענטן ביז סעפטעמבער פון 2024.
- עפענען די 2024 ניו יארק סטעיט STEM אנרייך פראגראם אפליקאציע אום אפריל 3 צו שטיצן ניו יארק סטעיט סטודענטן וואס לערנען פאר א STEM דעגרי אין סיי וועלכע SUNY אדער CUNY קאמפוס. אפליקאנטן מוזן אויך מסכים זיין צו וואוינען און ארבעטן אין ניו יארק סטעיט פאר פינף יאר נאכן גראדואירן. מער איינצלהייטן זענען פארעפנטליכט [דא](#).
- ארויסהייבן געשעענישן וואס קומען פאר אריבער ניו יארק סטעיט צו העלפן סטודענטן און פאמיליעס זיך אן עצה צו געבן דורכאויס דעם פינאנציעלע הילף פראצעדור. פולע ליסטע פון געשעענישן איז פארעפנטליכט [דא](#).

זינט זי איז אריין אין אפיס, איז גאווערנער האקול געבליבן פארפליכטעט צו אויסברייטערן צוטריט צו פינאנציעלע הילף, אריינרעכענענדיג מיטן אנאנסירן א 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' איניציאטיוו צו זיכער מאכן אז יעדער פילט אויס די FAFSA אין ניו יארק סטעיט. לעצטיגע ציפערן פון די [National College Attainment Network](#) דעקט אויף אז איבער 225 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פעל גרענט ( Pell Grant) פינאנצירונג זענען נישט אויסגענוצט געווארן אין ניו יארק סטעיט אין 2023. די FAFSA איז די ערשטע טריט ביים באקומען פעדעראלע הילף, אריינרעכענענדיג די פעדעראלע פעל גרענט, ארבעט-און-שטודיר און ביליגע הלוואה פראגראמען און אזוי אויך מוסד-באזירטע הילף וואס ווערט געשאנקען דורך פילע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. סטודענטן, עלטערן און קאונסעלארס קענען אויך צוקומען צו מער אינפארמאציע איבער די FAFSA, און אזוי אויך איבער א צאל פון אנדערע הילפס-מיטלען אויף [FAFSA Ready](#).

דורכאויס דעם חודש אפריל, האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט (Higher Education Services Corporation, HESC), SUNY, CUNY און אקאדעמישע און קאמיוניטי ארגאניזאציעס אין ניו יארק וועלן אפהאלטן מערערע געשעענישן צו העלפן סטודענטן און זייערע פאמיליעס זיך אן עצה צו געבן מיט די פינאנציעלע הילף פראצעדורן און צו אויספילן די FAFSA און TAP אפליקאציעס. געשעענישן רעכענען אריין אינפארמאציע סעסיעס איבער אפטע גרייזן וואס סטודענטן מאכן ביים אויספילן פינאנציעלע הילף אפליקאציעס, געלעגנהייטן זיך צו פארבינדן און רעדן פונדערווייטנס מיט HESC עקספערטן און דיסקוסיעס איבער סקאלערשיפ געלעגנהייטן פאר סטודענטן. א פולע סקעדזשול פון געשעענישן קען געפונען ווערן [דא](#).

אין אקטאבער פון 2023 האט SUNY געענפט אוועקגעשטעלט די 'FAFSA אויספילן איינהייט' (FAFSA Completion Corps) צו העלפן צוקונפטיגע סטודענטן צו אויספילן די נייע פעדעראלע אפליקאציע פאר קאלעדזש פינאנציעלע הילף. SUNY האט באקומען א כמעט $300,000 גרענט פון AmeriCorps צו עפענען די איניציאטיוו, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט 48 סטודענטן אריבער זעקס SUNY קאמפוסן. די פאסטנס ווערן פינאנצירט דורך פעדעראלע ארבעט-און-שטודיע אדער אנדערע פינאנציעלע מיטלען. אין צוגאב, וועלן סטודענטן וואס ענדיגן א צייט אפשניט מיט ארבעט אונטער AmeriCorps באקומען א Segal AmeriCorps Education Award באלוין וואס קען גענוצט ווערן צו צוריקצאלן פאר געוויסע קוואליפיצירנדע הלוואות און צו באצאלן פאר יעצטיגע בילדונג אויסגאבן ביי בארעכטיגטע העכערע בילדונג מוסדות און ביי טרענירונג פראגראמען.

די FAFSA האט א לינק דירעקט צו די ניו יארק סטעיט [שכר לימוד הילף פראגראם (Tuition Assistance Program, TAP) אפליקאציע] כדיביידע זאלן קענען אויסגעפילט ווערן אין די זעלבע צייט. סטודענטן וואס זענען נישט בארעכטיגט צו אויספילן די FAFSA ווערן געמוטיגט צו אויספילן די [ניו יארק סטעיט 'טרוים אקט' (Dream Act) אפליקאציע] צו באשטימען אויב זיי זענען בארעכטיגט צו אפלייען פאר NYS פינאנציעלע הילף.

**העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט פרעזידענט, דר. גיערמאָ לינעירס, האט געזאגט**, "איך שלוס זיך אן מיט גאווערנער האקול ביים אונטערשטרייכן די באדייט פון אויספילן די FAFSA צו צוקומען צו פארשידענע פעדעראלע, סטעיט און מוסדות-געשאנקענע סטודענט הילף פראגראמען. די FAFSA דינט אלס א טויער נישט נאר צו פעדעראלע הילף נאר אויך צו סטעיט הילף, ווי צום ביישפיל דעם ניו יארק סטעיט שכר לימוד הילף פראגראם (Tuition Assistance Program, TAP). דאס אויספילן קען זיין די טריט וואס באשטימט אויב א סטודענט וועט קענען גיין אין קאלעדזש."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "אויספילן די FAFSA אדער די NYS 'טרוים אקט' אפליקאציע איז די איינציגסטע וועג פאר סטודענטן און זייערע פאמיליעס צו אנטדעקן וועלכע פינאנציעלע הילף איז דא צו באקומען פאר זיי צו מאכן קאלעדזש פאר א מעגליכקייט און צו פארזיכערן די הילף. אונזער מאנשאפט איז שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו זיכער מאכן אז סטודענטן ווייסן איבער- און באקומען אלע פינאנציעלע הילף פאר וואס זיי זענען בארעכטיגט — פון דאס אויפשטעלן די 'FAFSA SUNY אויספילן איינהייט' ביזן אפהאלטן אנליין וועבינארן און 'פינאנציעלע הילף טעג' אריבער אונזערע קאמפוסן און זיך אנשליסן מיט גאווערנער האקול ביים ארבעטן צו זיכער מאכן אז אלע היי סקול קינדער אין די לעצטע יאר פילן אויס די FAFSA."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָס ראדריגעז האט געזאגט,** "CUNY ארבעט פון די נאענט מיט ניו יארק סטעיט צו העלפן טויזנטע צוקונפטיגע און יעצטיגע סטודענטן וועלכע האבן באקומען שוועריגקייטן מיט די כאאטישע אנהויב פון די איבערגעארבעטע FAFSA. מיט די ברייטהארציגע שטיצע פון די Carroll and Milton Petrie Foundation, זענען מיר פארפליכטעט צו אינגאנצן העלפן די וואס זענען איינגעשטעלט צו אפשטופן אדער איבערהאקן זייערע בילדונג ווייל זיי האבן נישט די נויטיגע אינפארמאציע צו מאכן באשלוסן איבער די למעשה'דיגע קאסט פון קאלעדזש. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן פירן די אקטיוו קאמפיין פון פאראויס צו זיכער מאכן אז אלע סטודענטן באקומען די פינאנציעלע הילף וואס זיי דארפן צו אנהויבן קאלעדזש אדער זיך צוריקקערן צו די קאמפוסן אין סעפטעמבער."

**סטעיט עדזשוקעישן קאמישאנער, בעטי א. ראָזע, האט געזאגט,** "פינאנציעלע הילף, אריינרעכענענדיג FAFSA, איז וועזנטליך פאר אלע יונגע ניו יארקער אזוי ווי זיי מאנעווורירן אריבער זייער בילדונג רייזע, אפגעזעהן פון זייערע קאלעדזש פלענער. אפגעזעהן צי עס רעדט זיך פון לערנען פאר א העכערע בילדונג אדער זיין איינגעשריבן אין א קאריערע און טעכנישע בילדונג פראגראם — איז

דאס צוקומען צו פינאנציעלע הילף קריטיש צו עפענען טויערן צו געלעגנהייטן און זיכער מאכן אז יעדער סטודענט קען נאכפאלגן זייערע חלומות אן צוריקגעהאלטן ווערן דורך פינאנציעלע באגרעניצונגען. איך מוטיג שטארק אלע ניו יארקע סטודענטן און פאמיליעס צו לערנען איבער די פינאנציעלע פראגראמען און מיטלען וואס שטייען זיי צום האנט."

**Commission on Independent Colleges and Universities (קאמיסיע איוף אומאפהענגיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן) פרעזידענט, לאָולע וו. ברעבהעם, האט געזאגט,** "די אומאפהענדיגע סעקטאר פון העכערע בילדונג איז שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול, HESC און אונזערע קאלעגן אין די רעגירונג סעקטאר צו זיכער מאכן אז סטודענטן קענען צוקומען צו יעדע דאלאר פאר וואס זיי זענען בארעכטיגט דורכן זיי העלפן אויספילן די FAFSA." זי האט צוגעלייגט, "FAFSA איז א קריטישע כלי ביים העלפן ניו יארק'ס סטודענטן און זייערע פאמיליעס צוקומען צו די סטעיט הילף וואס איז נויטיג צו ערגרייכן די טרוים פון זיך פארדינען א קאלעדזש דעגרי."

**ניו יארק'ס אסאָסיעישען פון פריוואטע קאלעדזשעס פרעזידענט, דאַנע סטעלינג-גוירנעט, האט געזאגט,** "די אסאָסיעישען פון פריוואטע קאלעדזשעס (Association of Private Colleges, APC) איז געוואלדיג שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול און HESC פירער ביים ארויסהייבן אפריל אלס 'פינאנציעלע הילף אויפמערקזאמקייט חודש'. די FAFSA איז א וויכטיגע ערשטע טריט צו צוקומען צו קאלעדזש, און די קאלעדזשעס וואס זענען מיטגלידער אין די APC און אונזערע שותפים אין העכערע בילדונג שטייען גרייט צו צושטעלן די שטיצע וואס איז נויטיג צו העלפן סטודענטן אויספילן זייער FAFSA מיט הצלחה."

**Petrie Foundation עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעס קאנרעד, האט געזאגט,** "די Petrie Foundation איז שטאלץ צו שטיצן די אונטערנעמונג צו העלפן יונגע מענטשן און פאמיליעס זיך צו אן עצה געבן מיט די נייע פינאנציעלע הילף אפליקאציע. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער און CUNY פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז סטודענטן אין ניו יארק באקומען די פינאנציעלע הילף וואס קומט זיך זיי."

__**CUNY און Petrie Foundation'o FAFSA שותפות**__

מיט 1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון די Carroll and Milton Petrie Foundation, וועט CUNY זיך אנשליסן צוזאמען מיט די ניו יארק סיטי פובליק סקולס ( New York City Public Schools, NYCPS) און מיט הויפט מוסדות שותפים ווי די ניו יארק סיטי און קווינס עפנטליכע לייברערי סיסטעמען כדי צו אנקומען צו 100,000 היי סקול קינדער אין די לעצטע יאר און צו יעצטיגע CUNY סטודענטן און זיי העלפן אויספילן די FAFSA, א פארלאנגטע טריט פאר סיי וועלכער סטודענט וואס באקומט פינאנציעלע הילף. די אינציאטיוו וואס ווערט גערופן CUNY FAST פינאנציעלע הילף שטיצע מאנשאפט, אדער, וועט לויפן ביז די ענדע פון סעפטעמבער 2024, און עס וועט אפפערן פערזענליך-צוגעפאסטע הילף פון פינאנציעלע הילף קאונסעלארס און טרענירטע קאלעדזש סטודענט-יועצים. די ביישטייערונג איז די לעצטע געשאנק פאר CUNY פון די Petrie Foundation וואס האט שוין געגעבן מער פון 21 מיליאן דאלאר זינט 2019 צו העלפן מער סטודענטן בליהען און מצליח זיין אריבער CUNY קאמפוסן.

__**ניו יארק סטעיט STEM אנרייץ פראגראם**__

דער ניו יארק סטעיט [STEM אנרייץ פראגראם](#) ציהלט צו ערמוטיגן און שטיצן ניו יארק סטעיט סטודענטן וואס לערנען צו באקומען באשטעטיגטע וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינדזשענירונג און מאטעמאטיק דעגריס אין צוגרייטונג פאר קאריערעס אין STEM פעלדער אין NYS. דער פראגראם אפפערט א יערליכע שכר לימוד גרענט פאר בארעכטיגטע סטודענטן וואס שטודירן אין א [באשטעטיגטע](#) צוויי- אדער פיר-יאריגע STEM דעגרי פראגראם ביי סיי וועלכע SUNY אדער CUNY קאלעדזש אדער

אוניווערסיטעט און זענען מסכים צו וואוינען אין NYS און ארבעטן אין א STEM פעלד אין NYS פאר פינף יאר נאכן גראדואירן.

פאר מער איינצלהייטן איבער דעם פראגראם און איבער וויאזוי צו אפלייען, באזוכט די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט'ס STEM וועבזייטל בלאט.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**

די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וועלכע פייערט זיין 75'טן יערטאג דעם יאר, איז די גרעסטע פולשטענדיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארק'ערס וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינע פון די SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט' צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פירט איין US דעפארטמענט אוו ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכנענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

**איבער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק**

די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז די לאנד'ס-גרעסטע שטאטישע פובליק אוניווערסיטעט, א טראנספארמאטיווע טרייב קראפט פאר די מעגליכקייט פון מענטשן צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליכע שטאנד וואס איז א קריטישע באשטאנדטייל פון די בלוט אין די אדערן פון ניו יארק סיטי. CUNY איז געגרונדעט געווארן אין 1847 אלץ די לאנד'ס ערשטע פרייע פובליק מוסד פאר העכערע בילדונג, און עס האט היינט זיבן קאמיוניטי קאלעדזשעס, 11 סיניאָר קאלעדזשעס און זיבן פראפעסיאנעלע אינסטיטוציעס אדער אזעלכע וועלכע גיבן העכערע דעגריס פארשפרייט איבער ניו יארק סיטי'ס פינף בארואוס, דינענדיג מער פון 225,000 בעטשעלאר און מעסטערס דעגרי סטודענטן און פארטיילנדיג 50,000 דעגריס יעדעס יאר. CUNY'ס געמיש פון קוואליטעט און אפארדעביליטי טרייבט ארויף כמעט זעקס מאל אזוי סאך סטודענטן מיט נידעריגע איינקונפט ארויף צו די מיטעלע קלאס און העכער מער פון אלע 'אייווי ליגע' קאלעדזשעס צוזאמען. מער פון 80 פראצענט פון די אוניווערסיטעט'ס גראדואירטע בלייבן אין ניו יארק, ביישטייערנדיג צו יעדע געביט פון די סיטי'ס עקאנאמישע, בירגערליכע און קולטורישע לעבן, און זיי מאכן די סיטי'ס ארבעטסקראפט מער פארשידנארטיג אין יעדע אינדוסטריע. CUNY'ס גראדואירטע און איינגעשטעלטע האבן באקומען פילע אנגעזעהענע באעהרונגען, אריינרעכענענדיג 13 נאבעל פרייזעס און 26 מעקארטור "דזשיניוס" גרענטס. די אוניווערסיטעט'ס היסטארישע מיסיע זעצט פאר ביזן היינטיגן טאג: צו צושטעלן א פובליק בילדונג פון די העכסטע סטאנדארט פאר אלע סטודענטן, אפגעזעהן פון זייערע מיטלען אדער הונטערגרונט. צו לערנען מער איבער CUNY, באזוכט www.cuny.edu.

**איבער די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט**

די העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט (Higher Education Services Corporation, HESC) איז ניו יארק סטעיט'ס אגענטור פאר פינאנציעלע הילף פאר סטודענטן און איז א נאציאנאלע פירער מיטן צושטעלן נויט-באזירטע גרענט און סקאלערשיפ געלטער פאר סטודענטן וואס גייען אין קאלעדזש. אין די הארץ פון HESC זענען דא מער פון צוואנציג גרענט, סקאלערשיפ און הלוואה פארגעבונג פראגראמען,

אריינרעכענענדיג דעם NYS שכר לימוד הילף פראגראם (Tuition Assistance Program, TAP) און די עקסעלסיאָר סקאלערשיפּ. HESC ברענגט קאלעדזש צו ווערן א מעגליכקייט פאר הונדערטע טויזנטע ניו יארקער יעדעס יאר דורך פראגראמען פון די סארט און דורך הדרכה וואס עס גיבט פאר סטודענטן, פאמיליעס און קאונסעלארס. HESC העלפט מער פון 300,000 סטודענטן צו עררייכן זייערע קאלעדזש טרוימען יעדעס יאר דורכן צושטעלן מער פון 800 מיליאן דאלאר אין גרענטס, סקאלערשיפּ און הלוואה פארגעבונג בענעפיטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן